# אַן אינטערוויו מיט הירש רעלעסן,

## אַ ייִדישן שרײַבער פֿון ווײַסרוסלאַנד[1]



די מחברטע עליסאַ בן־פּורת מיט הירש רעלעסן אין קיך, מינסק, פֿעברואַר 2004

עליסאַ בן־פּורת/ניו־יאָרק

**„נאָר אין רוסלאַנד שאַצט מען אָפּ פּאָעזיע, ווײַל נאָר דאָ קען מען שטאַרבן דערפֿון. צי איז דאָ נאָך אַן אָרט אויף דער וועלט ווו פּאָעזיע איז אַזאַ אָנגענומענע סיבה פֿאַרן טויטאורטייל?“**
אַזוי האָט געשריבן דער רוסישער פּאָעט אָסיפּ מאַנדעלשטאַם, וואָס איז אומגעקומען אין איינעם פֿון סטאַלינס גולאַגן אין 1938, טאַקע צוליב זײַנע פּאָעטישע שורות. מאַנדעלשטאַם איז שוין געווען אין ליטעראַרישן „חרם“ אין די פֿרײַקע דרײַסיקער יאָרן, דער עיקר מחמת זײַן סאַטיריש ליד „קרעמלעווסקי גאָרעץ“ (דער באַרגמענטש פֿון קרעמל), וואָס האָט חוזק געמאַכט פֿונעם „וואָזשד“ (פֿירער) סטאַלין. אין 1931 האָט ער געשריבן אַ ליד, „מי ס טאַבאָי נאַ קוכניאַ פּאַסידים“ (מיר זיצן צוזאַמען אין קיך) ווו ער האָט אַרויסגעהויבן די צענטראַלקייט פֿון דער „קיך“ ווי אַן אָרט פֿון פֿרײַהייט, ווו אַ מענטש קען זיך אַראָפּרעדן פֿון האַרצן צווישן אייגענע. די קיך ווערט אַן אָרט אויך פֿון פּראָטעסט: כאָטש קליין און ענג, האָבן די אינטימקייט און נאָענטקייט געקענט באַשיצן דעם יחיד פֿונעם טעראָר און שרעק פֿון דער ברוטאַלער מאַכט.

מער ווי פֿופֿציק יאָר נאָך סטאַלינס טויט בין איך געזעסן אין מינסק, די הויפּטשטאָט פֿון בעלאַרוס, אין אַן ענלעכער קיך, וואָס איז נאָך אַלץ געווען זייער סאָוועטיש, אי צוליבן אויסזען, אי צוליבן מענטשן מיט וועלכן איך האָב זיך געטראָפֿן, אי צוליב דער אַטמאָספֿער פֿון נאָענטקייט און אָפֿנקייט. כ׳בין דאָרטן געזעסן מיטן ייִדישן פּאָעט און פּראָזאַיִקער הירש רעלעס. געבוירן געוואָרן איז ער אין 1913 אין שטעטל טשאַשניקי (וויטעבסקער גובערניע) און געשטאָרבן אין 2004. רעלעס איז געווען אַ לערער אין די סאָוועטישע ייִדישע שולן און געאַרבעט אין פֿאַרשיידענע ווײַסרוסישע שטעטלעך אין די דרײַסיקער יאָרן. ווי אַ לערער האָט ער אָנגעהויבן אָפּדרוקן לידער און פּראָזע אויף ייִדיש אין מינסקער צײַטונגען און זשורנאַלן, און אין 1934 האָט ער – דער 21־יאָריקער יונגער־מאַן פֿון אַ קליין שטעטל – געהאַט דעם זכות צו ווערן אַ מיטגליד פֿונעם שרײַבער־פֿאַראיין פֿון ווײַסרוסלאַנד ווי אַ ייִדישער פּאָעט. אין זײַן קאַריערע ווי אַ פּאָעט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אין מיטן דרײַסיקער יאָרן, האָט רעלעס באַשריבן מערסטנס די ווײַסרוסישע נאַטור און דאָס שטעטל, בפֿרט פֿון דער פֿאַררעוואָלוציאָנערער תּקופֿה. איין מאָל אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט, וואָס מען האָט אָפּגעהאַלטן לכּבֿוד דעם יונגן פּאָעט רעלעס אין דער ייִדסעקציע פֿון שרײַבער־פֿאַראיין אין ווײַסרוסלאַנד, אין מינסק, האָט ער פֿאָרגעלייענט זײַנע לידער פֿאַר שרײַבערס, סטודענטן און יונגע אַרבעטערס. נאָכן פֿאָרלייענען האָבן די באַקאַנטע מינסקער פּאָעטן זעליג אַקסעלראָד און איזי כאַריק – לויטן סאָוועטישן שטייגער – שאַרף קריטיקירט רעלעסעס פֿאַרבונדנקייט צום שטעטל און צום עבֿר, ווי אויך די מאַטעריעלע נויט אין טעמעס וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פֿון דער קאָמוניסטישער יוגנט. אָבער אין דער זעלבער צײַט האָבן סײַ כאַריק סײַ אַקסעלראָד געלויבט די פֿאָלקסטימלעכקייט פֿון רעלעסעס סטיל.[2] רעלעס האָט אַרויסגעגעבן דרײַ ביכער אויף ייִדיש: איבער ווײַסרוסישע שטעטלעך און אונטערן פֿרידלעכן הימל: רײַזע־בילדער, נאָוועלן, דערציילונגען (ביידע אין 1983), און די ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבער פֿון ווײַס־רוסלאַנד (יולי 2004).

אין דער צײַט וואָס איך האָב, צוליב מײַנע פֿאָרשונגען, פֿאַרבראַכט אין מינסק – פֿון האַרבסט 2003 ביז סוף פֿרילינג 2004 – בין איך געוואָרן אַ שטענדיקער גאַסט בײַ רעלעסן אין שטוב. זײַן קיך האָט זיך געפֿונען אויפֿן דריטן גאָרן פֿון אַ טיפּישער, אַזוי גערופֿענער „כרושטשאָבאַ“, איינס פֿון די טויזנטער ביליקע דירות־הײַזער וואָס כרושטשאָוו האָט אומעטום

---

[1]בײַ רעלעסן אין שטוב, מינסק, שבת, דעם 27סטן מאַרץ 2004

[2]„דעקאַדניק פֿון ה. רעלעס“, אָקטיאַבער, מײַ 11, 1936, נ׳ 104, ז׳ 4.

געהאַט געבויט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אין די פֿריִיִקע זעכציקער יאָרן. אויך נאָך דער צעפֿאַלונג פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אין 1991 איז רעלעסעס קיך (אַזוי ווי מערסטע קיכן אין מינסק) געבליבן פונקט ווי פֿריִער: קליין און ענג, מיט הילצערנע בענקלעך, און מיט אַ קליין באַשיידן טישל. אין אַזאַ מין קיך האָב איך פֿאַרבראַכט עטלעכע צענדליק שבת־נאָכמיטאָגן, שמועסנדיק מיט הירשען (ווי ער פֿלעג זיך אַליין רופֿן) וועגן כלערליי היסטאָרישע טעמעס פֿאַרבונדן מיט די ווײַסרוסישע ייִדן פֿאַר דער רעוואָלוציע, וועגן סאָוועטיש־ייִדישן לעבן אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן, וועגן חורבן און וועגן די נאָכמלחמהדיקע יאָרן אין מינסק.

איך ברענג דאָ ווײַטער דעם טעקסט פֿון אַן אינטערוויו מיט הירשען וואָס איך האָב געמאַכט דעם 27סטן מאַרץ 2004. איך גיב איבער זײַנע ענטפֿערס אויף מײַנע פֿראַגעס מיט זײַן אייגענעם לשון און סטיל, מיט מינימאַלע רעדאַקטירונגען. די פֿראַגעס זײַנען ניט אין קיין כראָנאָלאָגישן סדר, ווײַל זיי זײַנען אַרויסגעוואַקסן פֿון זײַנע באַמערקונגען. אַחוץ זײַן געשמאַקן רײַסיש־ליטווישן ייִדיש גיט דער אינטערוויו איבער אַ באַגריף דערפֿון, וואָס עס האָט באַטײַט דאָס זײַן דער לעצטער ייִדישער פאָעט אין בעלאַרוס. דער אינטערוויו קען אָבער ניט איבערגעבן הירשעס בליצנדיקע אויגן בײַם אויסשרײַען „דאָס איז דער ריכטיקער אמת!“, צי בײַם אויסזינגען אַ פאָר שורות פֿון אַ ווײַסרוסיש־ייִדישן פֿאָלקסליד, צי בײַם דערמאָנען זיך אינעם טעראָר פֿון די דרײַסיקער און פֿערציקער יאָרן. אַ מאָל האָט ער טאַקע געשושקעט זײַן ענטפֿער, און זיך אַרומגעקוקט מיט די אויגן, טאָמער הערט זיך עמעצער אונטער צו אונדזער שמועס...

**דער אינטערוויו גיט איבער אַ באַגריף דערפֿון, וואָס עס האָט באַטײַט דאָס זײַן דער לעצטער ייִדישער פאָעט אין בעלאַרוס.**

– הירשע וועט איצט דערציילן וועגן פורים אין 1953.

– די עצם דערציִונג איז געווען אַן אַנטירעליגיעזע, נאָר מיר, ייִדן, וואָס דעם גאַנצן לעבן זײַנען געווען פֿאַרטיפֿט אין דער רעליגיעזער געשעעניש זײַנען פרימיטיוו ניט געווען. מיר האָבן שטענדיק געוווּסט אַז עפעס איז פֿאַראַן אין געטלעכקייט און דעם אמת זאָגנדיק האָבן מיר צײַטנס געצווייפֿלט ווײַל מיר האָבן געהאַט אַזאַ דערציִונג. אָבער די מערהייט איז געווען אַז ס׳איז פֿאַראַנען עפעס און וואָס איז פֿאַראַנען ווייסן מיר ניט (נאָר ס׳איז פֿאַראַנען געוויס). און דער פורים פֿון פֿופֿציק דריטן יאָר האָט פונקט איבערצײַגט אַז ס׳איז געוויס פֿאַראַנען עפעס וואָס חזרט זיך איבער פֿון יאָרהונדערטער און אין דעם איז פֿאַראַנען עפעס, איז פֿאַראַנען אַ ווירקלעכקייט. אָט אַזוינע זײַנען מיר. איך מיין ניט די ייִדן וואָס זײַנען שטאַרק באַהאַוונט דערצויגן, נאָר די פשוטע, אָט אַזוינע ווי איך. אין זין פֿון ייִדישקייט האָב איך מיר מײַנע פֿאָרשטעלונגען, מײַנע איבערצײַגונגען, נאָר דעם אמת געזאָגט בין איך ניט זיכער איצט. איך צווייפֿל ... ווײַל דאָס האָט געבראַכט צו דעם מײַן דערציִונג פֿון גאַנצענע יאָרן, און אַלץ האָבן געבראַכט צו דעם. נאָר אין פֿופֿציק דריטן יאָר האָט זיך פורים איבערגעחזרט ווי ער איז געווען אין יענע צײַטן. איך געדענק דאָס זייער גוט און איך קען דאָס ניט פֿאַרגעסן, ס׳איז געווען אַזוי.

פֿריִער פֿון אַלץ האָט סטאַלינס חבֿרה באַשטימט אויף ייִדן אַ נײַעם גירוש, האָט מען פֿאַרזעצט די בעסטע דאָקטוירים פֿון לאַנד און ער האָט זיי באַשולדיקט אין דעם וואָס זיי האָבן ניט ריכטיק געהיילט די אָנפֿירער ... דאָס איז דאָס געווען אַזאַ מין גאָטשלאָוואָע [גזלעוויע?] וואָס האָט זיך מיר [ניט] געלייגט אויפֿן פֿאַרשטאַנד נאָר דאָס איז דאָך געווען. איז די מערהייט האָט געטראַכט אַז מיט דעם הייליקן סטאַלין איז ניט אין אָרדענונג ... און פֿון דאַנען נעמט זיך אַלץ. ער האָט, הייסט דאָס, די גרעסטע דאָקטוירים געצוווּנגען זיי זאָלן, הייסט דאָס, זאָגן אַז ייִדן זײַנען געווען ניט אויפֿריכטיק, אַז זיי זײַנען, פֿאַרקערט, זיי האָבן זיך געסטאַרעט צרות פֿאַר די רוסן. און אין דעם אמת איז דאָס קיין מאָל ניט געווען. די ייִדן זײַנען פֿון שטענדיק אָן פֿרײַנדלעך מיט אַלע פֿעלקער.

– הירשע, ווי האָט איר געליטן פערזענלעך אין דער צײַט?

– הייסט דאָס אַזוי. זײַנען אָנגעקומען אויף דעם אַז די ייִדן זײַנען מערדער און אַזוי ווײַטער, איז די ייִדן זײַנען זייער געפֿאַלן צווישן זיך, מאָראַליש, און ס׳איז געווען אַזוי אַז ס׳איז פשוט, מ׳האָט ניט געזען קיין אויסוועג, מ׳האָט פֿאַרשטאַנען אַז אונדז ווערט טונקעלער ... אַז מע וועט פטור ווערן פֿון די ייִדן און אַזוי איז טאַקע פֿאַרטראַכט געווען פֿונעם מנוּוול און אויסוואָרף יאָסיף סטאַלין. די סכנה איז געווען זייער

שרעקלעך פֿאַר אונדז און מיר האָבן געוואַרט אַז מע וועט די ייִדן פּשוט פֿיזיש אומברענגען אין דער לאַנד. די רוסישע פֿאָלק איז גראַדע צו ייִדן בכלל אַ סימפּאַטישע פֿאָלק, נאָר וואָדען, זיי האָבן דאָך אויך מורא געהאַט פֿאַר גזירות. זיי האָבן פּשוט מורא געהאַט פֿאַרן הייליקן, אַזוי ווי די ייִדן האָבן אויך מורא געהאַט אין אַזאַ פֿאַל אַז מע וועט זיך טשעפּען.

– וואָס איז מיט אײַך געשען, הירשע?

– ... די שטימונג איז געווען זייער אַ געפֿאַלענע ... מע האָט געזען קיין שום אויסוועג. אַז דער הייליקער סטאַלין האָט זיך פֿאַרטראַכט אין עפּעס האָט עס זיך פֿאַרווירקלעכט ... דערנאָכדעם, עפּעס איז געקומען אַזאַ מין צײַט וואָס איז גאָר וועגן דעם אויפֿגעהערט צו טוען זיך ... איך געדענק נאָר אַזאַ פֿאַל, מיך האָט מען דאַן אַראָפּגענומען פֿון אַלע אַרבעטן, מע האָט מיך אויסגעשלאָסן פֿון סאַיוז פֿאַר די שרײַבער, און דער פֿאָרזיצער פֿון דער שרײַבער־פֿאַראיין האָט מיר געזאָגט „דו זעסט דאָך וואָס עס קומט פֿאָר“, זאָגט ער, נאָר מיר גלויבט זיך ניט אַז אַזוי וועט דאָס זײַן, ווײַל עס מוז עפּעס פֿאָרקומען אַן ענדערונג אין דעם פּרט.

– ער איז געווען אַ ווײַסרוסישער שרײַבער?

– אַ ווײַסרוסישער שרײַבער. איך נעם דעם בילעט מײַנעם פֿון

און זאָגט: „וועסט איצטער דערציילן וואָס איך האָב מיט דיר גערעדט?“ „דליאַ קאַוואָ ווי מעניאַ שטשיטאַיטיעס“ (ווער מיינט איר בין איך?), זאָג איך. דערנאָכדעם הייסט עס אַזוי, דעם אמת גערעדט, האָב איך גענומען טראַכטן, פֿאַר וואָס האָט ער גערעדט צו מיר אַזוי? אַזוי גוט? און איך בין געקומען צו אַ מיינונג. ער איז פֿון [דאָרף] אושאַץ אין טשאַשניקי, דאָס איז זייער נאָענט, און צו אונדז פֿלעגט [מען] קומען צו פֿאָרן פֿון אושאַץ. בײַ אונדז איז געווען אַ גרויסער הויף און מע פֿלעגט זיך אָפּשטעלן בײַ אונדז אין דער היים אָפּקאָרמען די פֿערד ... זײַן טאַטע פֿלעגט קומען צו אונדז אויפֿן הויף אָפּשטעלן אַ פֿערד אַז ער פֿלעגט גיין אויף אַ יריד ... ער האָט גערעדט פּונקט ווי ער קען מיך פֿון לאַנגע יאָרן און ער זעט אַז מיר זײַנען פֿרעמדע מענטשן און ער רעדט מיט מיר ווי ער האָט גלײַך פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז ער ... פֿון דאַנעט גייט עס ...

נו, איך האָב געאַרבעט, איך בין געווען באַקאָנט מיט דעם גלאַוונער קאַסיר פֿון טיפּאָגראַפֿיע סטאַלין, אַ ייִדישע פֿרוי, און ... איר מאַן האָט זיך גוט מיט מיר געקענט און געווען אַ ווילער מענטש, נאָר ער איז אומגעקומען אין מלחמה. זאָגט זי ... „איכ׳ל אײַך אײַנאָרדענען בײַ אונדז אין טיפּאָגראַפֿיע אַלס

### דער מיטינג, פֿון מאַלאַטאָוו, איז געווען ערבֿ־פּורים ... די שול איז געווען שוין פֿאַרמאַכט, בטל, פֿאַרשלאָסן, אוי, אַ שלאָס איז געהאַנגען אויף איר, אַ גרויסער שלאָס

שרײַבער־פֿאַראיין און דערלאַנג אים, מאַכט ער: „אײַ, דאָס האָב איך פֿון דיר ניט דערוואַרט. מיט אַזוינע זאַכן [וואַרפֿט] מען זיך ניט“. זאָגט ער: „נאָר פֿאַרגעדענק, איך רעד מיט דיר אָפֿיציעל ... אויפֿריכטיק, נאָר אויב דו וועסט דערציילן אַלעמען וואָס איך האָב מיט דיר גערעדט וועסטו מיר טאָן אַ גרויסן רעה“. זאָג איך: „פֿונדעסטוועגן ... פֿאַרשטיי איך נאָך עפּעס“. זאָגט ער אַזוי: „איכ׳ל דיר זאָגן דעם אמת ... פֿאַרגעדענק ... ס׳איז דאָ עפּעס ניט אין אָרדענונג, נאָר וואָס איז ניט אין אָרדענונג ווייס מען ניט ... דו האָסט פֿון וואָס צו לעבן?“ זאָג איך: „איך אַרבעט אַלס אַ לערער, נאָר ווער ווייס, אַז מע שליסט מיך אויס פֿון שרײַבער־פֿאַראיין וועט מען מיך פֿון שול אַראָפּנעמען“. זאָגט ער: „דאָס וועט ניט זײַן, אַרבעט אַלס אַ לערער. הערט זיך אײַן“ – ער איז צו מיר אַזוי אָפֿן־האַרציק און זאָגט אַזוי: „עפּעס וועט זיך אויסדרייען ... ענלעכע צײַטן זײַנען דאָך געווען“ ... און גיט מיר די האַנט

אַ קאָרעקטאָר“. זאָג איך, „אוי, זייער גוט“. זאָגט זי: „אָבער איך האָב דורכגעקוקט די סמעטע (פֿאָרגעלייגטן בודזשעט) און די בעסטע ערטער זײַנען שוין פֿאַרנומען, איר וועט האָבן לעבן 700 רובל אַ חודש“. זאָג איך: „אויף ברויט וועט מען שפּײַען?“ האָט זי געוויינט.

און איך האָב געאַרבעט, און בכלל האָט מען זיך זייער גוט באַצויגן, דער מאַן איז אומגעקומען אויפֿן פֿראָנט און דער מאַן איז געווען מיט מיר שטאַרק באַפֿרײַנדעט. כ׳האָב געאַרבעט אַלס קאָרעקטאָר און אין צײַט פֿון איבעררײַס פֿלעגט זי פֿאַרגיין מיט מיר אין סטאָלאָוואַיאַ פֿון צק״אַ (צענטראַל־קאָמיטעט). און מע פֿלעגט דאָרט עסן ביליקע וואַרעמעס. נו, עסן מיר אַזוי אַז מיט אַ מאָל פֿון ראַדיאָ מיט אַ שטרענגער קול אַז דער הייליקער נפֿש, דער גרויסער מלך מלכי המלכים שהוא איז קראַנק געוואָרן. זאָגט זי צו מיר: „אוי, וואָס וועט איצטער זײַן? ער איז געווען דער איינציקער וואָס פֿלעגט

אונדז אָפּהיטן". אויף דעם פֿאַרשטייט איר ניט אַז ווען ער וואָלט געווען דער איינציקער וואָלט ער בכלל אַלץ בטל געמאַכט, וואָלט ער פֿאַרזעצט די וואָס האָבן אויסגעטראַכט. און דער דירעקטאָר פֿון טיפּאָגראַפֿיע האָט מיך געקענט און האָט געוווּסט אַז איך [בין] אַ זשורנאַליסט, אַ שרײַבער, אַרבעט איך אַלס אַ קאָרעקטאָר. זי האָט אים דערציילט וועגן מיר און ער האָט געוווּסט וועגן מיר, האָט ער מיך דערפֿאַר אויפֿגענומען. ערשט מיט אַ מאָל מע גיט איבער אַז ער האָט פֿאַרזאָגט, אַז מיר זאָלן לאַנג לעבן. נו, דעם אמת געזאָגט, איך האָב די גאַנצע צײַט געטראַכט: „אָבער וואָס וועט זײַן נאָך דעם?" גיט מען איבער דעם מיטינג ... דער טראַאורנער מיטינג (לוויה) ... טרעט אַרויס מאָלאָטאָוו, זאָגט ער: „מי בודיעם קרעפּיט דרוזשבו, ניע טאָלקאָ סרעדי באָלשים נאַראָדאָוו, נאָ אי סרעדי מאַלענקיך נאַראָדאָוו" (מיר וועלן שטיצן די פֿרײַנדשאַפֿט ניט נאָר צווישן די גרויסע פֿעלקער, נאָר אויך צווישן די קליינע). און דער דירעקטאָר האָט גלײַך אויף מיר אַ קוק געטאָן און אַ שמייכל געטאָן ... ער איז געווען זייער אַ גוטער מענטש, אַ קוק געטאָן און אַ שמייכל געטאָן און איך האָב אויך גלײַך פֿאַרשטאַנען. נו, איך בין געקומען אַהיים ... און דער בעל־הבית איז אויסער זיך, וואָס וועט זײַן מיט אונדז, זאָג איך, איר האָט געהערט דעם מיטינג? געהערט, נו אי'וואָס? איר האָט געהערט מאָלאָטאָווס רעדע? געהערט, נו, אי'וואָס? ער האָט געזאָגט אַז מיר'ן פֿאַרשטאַרקן די פֿרײַנדשאַפֿט. אוי, ווער ווייסט, ער האָט גלײַך ניט קיין דעה בײַ זיי ... זאָג איך: „האָט ער די גרעסטע דעה בײַ זיי". אַזוי האָב איך געענטפֿערט. אויף מאָרגן גיי איך אויף דער אַרבעט און מע דאַרף דורכגיין דורך אַ קאָנטראָל. ער גייט צו מיר צו, דער העכסטער פֿון קאָנטראָל. זאָגט ער: „סאַדיטיעס" (זעצט זיך אַוועק) און טראָגט מיר צו אַ צײַטונג, און איך לייען איבער די צײַטונג, „עטי סאַמיע ווידוויושיך אַרעסטאָוואַלי" (מען האָט די אָנפֿירערס אַרעסטירט). כאַפּ איך די צײַטונג און לויף ... אין דער הייך ...

נו, דערנאָך אַזוי ... איך בין אַוועקגעגאַנגען אין נאַרקאָמפּראָס (קאָמיסאַריאַט פֿון דערציִונג) אַרבעטן אין שול (לערנשול), האָב איך געבעטן דער פֿון רעדאַקציע וואָזשיק, זאָגט


אונטערן פֿרידלעכן הימל, מאָסקווע, 1983

רעלעס ווי אַ יונגער פּאָעט

ער: „אַז דו ווילסט קענען מיר דיך אומקערן צו דער אַרבעט". זאָג איך: „ניין, איך דאַרף ניט די אַרבעט". איכ'ל זײַן אַ לערער, נאָר וואָדען, איכ'ל שרײַבן פֿאַר אײַך, און אַזוי איז טאַקע געווען ...

– און אין דער שול (דאַוונשול), הירשע, פּורים, ווען פּורים איז געווען?

– דער מיטינג, פֿון מאָלאָטאָוו, איז געווען ערבֿ־פּורים, דער טאָג פֿון ערבֿ־פּורים ... די שול איז געווען שוין פֿאַרמאַכט, בטל, פֿאַרשלאָסן, אוי, אַ שלאָס איז געהאַנגען אויף איר, אַ גרויסער שלאָס ... קלער איך, איכ'ל גיין אין שול, די שול איז געווען ניט ווײַט פֿון טיפּאָגראַפֿיע, און איכ'ל אָפּרײַסן דעם שלאָס און עפֿענען די שול. און איך האָב גערופֿן צוויי יאַטן און איך האָב זיי דערציילט דאָס, קומט, קומט, זיי זײַנען געקומען. די שול איז אָפֿן און געווען אַן עולם אַ גרויסער. זאָגט ער: „ווער?" „זעסט, קליגערע מענטשן פֿון אונדז", זאָגט ער. אוי, איז דאָ געווען אַ פּורים אין שול. בעת המן בן המדתא האָט מען געקלאַפּט ... איבער די בענק, איבער די אומעטום, און דער שמש: „האָט רחמנות. איר וועט צעברעכן די בענק" ... אַלע האָבן געקלאַפּט המנען. ווו נאָר מע האָט געקענט ... האָט מען געקלאַפּט המנען. נו, דערנאָכדעם אַזוי האָבן ווײַבער גענומען טראָגן לעקעך, פֿון וואַנען אַזוי־אַזוי גיך לעקעך און יעדערער טאָכטער, עס, עס, עס ... ביז פֿאַר טאָג זײַנען מיר געווען אין בית־מדרש ... די מיידלעך האָבן געוויינט ...

– און אין דער פֿרי?

– אין דער פֿרי זײַנען מיר אין גאַס ווײַל די הוליגאַנעס... צו אונדז איז צוגעגאַנגען איינער און זאָגט: „ראַנאַ ראַדויעטיעס" (איר פֿרייט זיך צו פֿרי). „ניעט, עטאַ טי ראַנאַ טאַרזשעסטווישסיאַ" (ניין, דאָס פֿרייט איר זיך צו פֿרי איבערן נצחון).

– וואָס האָבן די ווײַסרוסן געזאָגט ווען זיי האָבן געזען די ייִדן וואָס גייען אַרײַן אין דער שול און פֿראַווען אַזוי און זײַנען אַזוי גליקלעך?

– ... די אַנטיסעמיטן האָבן גענומען מורא האָבן, האָבן באַמערקט אַ פֿאַרקערטע ריכטונג ... האָבן זיי זיך באַהאַלטן, ניט ווײַזן זיך, ווײַל זיי האָבן דערזען אַז עס האָט זיך געביטן דער וועטער.

– וויפֿל מענטשן זײַנען געווען אין דער שול, הירשע, וואָס מיינט איר?

– אַ געפּאַקטע, ייִדן מיט ייִדענעס צוזאַמען.







שער־בלאַט פֿון אונטערן פֿרידלעכן הימל און פֿון אַן אַפּטייל לידער פֿון יענעם ביכל

– ווו געפֿינט זיך די שול, ווײַט פֿון אײַער דירה?

– ס'איז מער ניטאָ, מע האָט אַראָפּגענומען דעם אָרט, אַפֿילו ... ווײַל מע האָט אויסגעבויט גאָר אַן אַנדערער ראַיאָן, ס'איז געווען ניט ווײַט פֿון טיפּאָגראַפֿיע ... אַ הילצערנע שול ... ס'איז אַלץ ריכטיק, גלויבט מיר אַז איך פֿיר אײַך ניט אונטער ... שרײַבט דאָס און קענט זיך אויף מיר פֿאַרזיכערן.

– הירשע, ווי איז געווען פּורים אין טשאַשניקי?

– אײַ, ס'איז געווען פֿריילעך. מע פֿלעגט שיקן שלח־מנות, מיר זײַנען געווען אָרעמע, פֿלעגן מיר ניט האָבן וואָס צו געבן, פֿלעגן מיר ... זײַנ(ען) די צוגעשיקטע ...

אוי, מײַן טאַטע איז געווען זייער אַ ... ווי איך פֿאַרשטיי איצטער איז ער געווען זייער אַן ערלעכער מענטש און ער האָט מורא געהאַט, מע זאָל ניט רעכענען אונדז פֿאַר אָרעמע־לײַט ... און ער האָט זיך די גאַנצע צײַט פֿלעגט ער זיך סטאַרען אַזוי פֿאַרדעקן דעם דלות. ווען ניט ער וואָלט איך ניט געווען קיין לערער און קיין שרײַבער אויך ניט .... איך פֿלעג לייענען זײַנע לידער אויף העברעיִש. ער פֿלעגט אונטערשרײַבן אַזוי: „יהודה לייב בן ר' בער השו"ב מקאַמען פּלך ווי־טעבסק" (שוחט ובודק פֿון שטעטל קאַמען אין וויטעבסקער געגנט).

– צי איז ער געבוירן געוואָרן אין ווילנע?

– ניין, אין ווילנע איז ער געקומען ווען ער איז געוואָרן אַ יונגער יאַט און געוואָלט זײַן אַ שרײַבער. ער פֿלעגט זיך דרוקן צו ביסלעך. נאָר ער האָט געשריבן אויף עבֿרית ...

– און וואָס האָט ער געמיינט וועגן אײַערע לידער?

– אַז מײַנע לידער האָבן זיך גענומען דרוקן אומעטום פֿלעג איך קומען אין טשאַשניקי ... פֿלעגט ער ... איז געווען נאָך איינער אַ קענער, פֿלעגט ער אים אַרײַנרופֿן און זאָגן: „לייען" ... און ער זאָגט: „נו, ס'איז גוטע לידער".

– הירשע, אַלע האָבן אײַך געקענט אין טשאַשניקי נאָך דעם ווי איר זענט געוואָרן אַ שרײַבער, אַ באַרימטער שרײַבער?

– איר ווייסט וואָס? איך האָב זיך שרעקלעך געפֿילט ... איך פֿלעג וועלן גיין מיט די יאַטן שפּילן זיך ... איך פֿלעג ניט קענען גיין ווײַל, איר פֿאַרשטייט, אַ שרײַבער ... דערנאָך האָט מען מיך געמאַכט אַן אָוונט, אוי, דער אָוונט איז געווען אַ גרויסער אָוונט, זייער. זײַנען געקומען רוסישע פֿון פּאַרטיי.

– הירשע, אין טשאַשניקי האָט מען גערעדט אויף ווײַסרוסיש, ניט אויף רוסיש?

– אין דאָרף אַלע אויף ווײַסרוסיש ... אָבער פֿון דאָרף פֿלעגט אַ מערהייט קומען אין שטאָט, זיי פֿלעגן זיך אײַנאַרבעטן דאָרטן בײַ די ייִדן. מיידלעך – אַלע דינסטן! ווײַל קיין אַרבעט איז ניט געווען ווו. נאָר וואָדען, איר פֿאַרשטייט ...

... אוי, דער זיידע איז געווען אַ גוטער ייִד, פֿאַרשטייט זיך, נאָר וואָדען, ער איז געווען זייער אַ פֿאַנאַטיקער ... און דער טאַטע האָט אים ניט געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן קענער ... ער איז פֿרום, פֿאַרשטייט זיך, אָבער ווייניק. דער זיידע פֿלעגט צווינגען, איך זאָל טראָגן אַ טלית־קטן און די ציצית. און איר ווייסט וואָס, איך פֿלעג גיין אין בית־מדרש דאַווענען, נאָר די יאַטן, די חבֿרים פֿלעגן זיך פֿון מיר זיך דערווײַטערן, ווײַל איך ... בין ניט געווען זייערע ...

– איר האָט געהאַט פּאות, איאָ?

– פּאות, יאָ. דעם טלית־קטן האָט דער טאַטע געצווונגען, זאָגט ער: „טראָג אים, אָבער ... קיינער זאָל ניט זען ..."

– און אויפֿן קאָפּ?

– אַ היטל ... אוי, אָן אַ היטל ... דעם אמת גערעדט, בײַ מיר איז אַזאַ זאַך אַ געווינשאַפֿט, אַז אין זומער ... אָן אַ היטל גיי איך ניט ... איך בין צוגעוווינט אין זומער גיין אין אַ היטל.

– הירשע, ווי איז געווען אין ישיבֿה?

– איך בין לאַנג ניט געווען. איך בין געווען עטלעכע טעג.

– אין טשאַשניקי איז ניט געווען קיין ישיבֿה?

– ניט געווען.

– ס'איז געווען ווײַט פֿון טשאַשניקי?

– אוגאָוולע. דער זיידע האָט מיך גענומען פֿאַרן האַנט, און צוויי אַסטאַנאָווקעס

(סטאַנציעס) מיטן פֿאָיעזד (באַן) ... און ער האָט דערערדט אין וועלכע טעג איך דאַרף עסן בײַ וועמען און וווּ וועל איך נעכטיקן ... אַלע האָבן גענעכטיקט אין שול אויף די בענק ...

– און איר זענט געווען ווי אַלט?

– ... בר־מיצווה איז שוין געווען ...

– דרײַצן?

– דער זיידע האָט געמאַכט דעם בר־מיצווה. דערנאָך, איר פֿאַרשטייט, דער זיידע האָט מיך אַוועקגעפֿירט אין ישיבֿה. אין דרײַ טעג אַרום איז געקומען דער טאַטע און ער האָט מיך פֿאַרן האַנט אַוועקגעפֿירט אַהיים. דער זיידע פֿלעגט אויפֿן טאַטן [זאָגן] „מתנגד, דער מתנגד איז געקומען“. דער טאַטע גייט אַרײַן. „אָ, דער מתנגד איז שוין דאָ“. ... און אין טשאַשניקי זײַנען קיין מתנגדים ניט געווען ... דער טאַטע איז געווען אַ מתנגד ... ווײַל פֿון ווילנע און פֿון ליטע זײַנען אַלע מתנגדים ... אָ, דער מתנגד איז שוין געקומען ...

– הירשע, דערציילט וועגן שבת־הגדול...

– און קורצער פֿרײַטיק?

– יאָ.

– ... בײַ אונדז איז געווען אַזוי. ס׳איז געווען ... אַ הויכער בחור און אַ קורצע מיידל. איז אַזוי, זיי פֿלעגן, זי פֿלעגט וועלן גיין מיט אים צוזאַמען, זי אַ קליינטשיקע, ער אַ הויכער ... אָט גייט שוין דער שבת־הגדול מיטן קורצן פֿרײַטיק.

– אַלע האָבן זיי אַזוי גערופֿן?

– יע. דער שבת־הגדול מיטן קורצן פֿרײַטיק ... זיי האָבן גוט געלעבט, ער איז געווען אַ ווילער מענטש, איך געדענק אים ...

– הירשע, צי איז אין טשאַשניקי געווען אַ דאָקטער?

– יאָ, דאָקטוירים ... איז געווען אַן אינטערעסאַנטע זאַך ... ס׳איז געווען איינער ... ער איז געווען זייער אַ גרויסער קענער פֿון מעדיצין און ער ... פֿלעגט מען רופֿן מערער ווי די דאָקטוירים, די נײַערע ... ער האָט זייער געוווּסט וועגן מעדיצין ... דערנאָך איז געווען איינער אַ ייִד, איך געדענק זײַן צונאָמען איז געווען בראָמבאָזשע און מע האָט אים גערופֿן מיטן צונאָמען. ער פֿלעגט אַרומגיין איבער די דערפֿער און שרײַען „בראָמבאָזשע דאָקטער נאַדאַ?“ (ווער דאַרף דאָקטער בראָמבאָזשע?) דאָס הייסט ... איז פֿלעגט מען אַרויסגיין „נאַדאַ“ (מע דאַרף) ... זאָגט ער: „שטאָ באַליט?“ (וואָס טוט וויי?). „זשיוואָט“ (בויך). פֿלעגט ער אַרויסנעמען ביטעלעך (פֿלעשעלעך) פֿאַרשיידענע און פֿלעגט זאָגן: „נו, וויביראַי ליקאַרסטווע סינינקע, זיליאָנינקע, וויביראַי ליקאַרסטווע“ (נו, נעם די ליכטיק בלויע מעדיצין און די גרינינקע) ... דערנאָך, איר ווייסט וואָס, האָט מען אים אָנגעשלאָגן ... און פּראַווילנאָ, ריכטיק. און מע האָט אים פֿאַרזעצט ... בראָמבאָזשע ... באַראַני באָזשע (גאָט זאָל אָפּהיטן).

– און הירשע, אַן אַפּטייק איז געווען אין טשאַשניקי?

– אַן אַפּטייק?

– יאָ.

– געווען. בײַ אונדז איז געווען אַ טראַגעדיע מיט דער אַפּטייקערשקע. איך האָב עס געוואָלט דערשרײַבן, האָט דער טאַטע מיר פֿאַרבאָטן. „וועסט עס דערשרײַבן“, זאָגט ער, „ ...אומעטום וועט מען רעדן וועגן דעם און זי וועט איבערלעבן“. ס׳איז געווען אַזוי, איינער האָט זיך פֿאַרליבט זייער אין אַ רוסישער, און זי האָט אים אויך מוראדיק ליב געהאַט, זי איז געווען זייער אַ שיינע און זייער אַ גוטע, און דער טאַטע איז געווען פֿון גרויסע צדיקים, חסידים און ... נאָר זי האָט געהאַט אַ קינד פֿון דעם געליבטן, איז זי געצוווּנגען געווען אַוועקפֿאָרן (ניט אין טשאַשניקי איז דאָס געווען ... זי האָט געלעבט, איך געדענק ניט אין וואָס פֿאַר אַ שטעטל. איז זי געצוווּנגען געווען זיך איבערגעפֿירט אין טשאַשניקי אין אַפּטייק און איז געקומען מיטן קינד, אַ מיידעלע ... די קינדער פֿלעגן ניט שפּילן מיט איר ווײַל אַ ממזר ... און די מאַמע פֿלעגט מיט קיינעם ניט אין טשאַשניקי ניט האָבן קיין געשעפֿט ... און פֿלעגט קיין מאָל ניט דערציילן פֿאַר וואָס זי איז געקומען אין טשאַשניקי ... איר געליבטער האָט געלעבט אין דעם אַנדערן שטעטל און צוליב דעם האָט זי געמוזט אַוועקפֿאָרן. און מיט קיינעם ניט גערעדט, מיט קיינעם ניט, און ... דאָס קינד אויכעט מיט קיינעם ניט. און מיר האָבן ניט געוווּסט ... אַז זי האָט ליב געהאַט אַ רוסישן ... גאָרניט ניט געוווּסט ... נאָר מיר האָבן געוווּסט אַז עפּעס איז בײַ איר ניט אין אָרדענונג מיט די עלטערן. די עלטערן זײַנען געווען פֿרומע לײַט, זייער ... מיר דוכט זיך, אַז דער טאַטע איז געווען אויך אַ רבֿ אַפֿילו ... נו, האָט זי מיט קיינעם ניט ... מיט קיינעם געשמועסט ניט, די פֿרוי, און אַלע האָבן געזאָגט: „עפּעס איז ... דאָך פֿאַראַנען“. קיינער האָט ניט געוווּסט גאָרניט. די פֿרוי

## ווען ניט [דער טאַטע] וואָלט איך ניט געווען קיין לערער און קיין שרײַבער אויך ניט

„סקאָראָ אומירלאַ“, איז אין גיכן געשטאָרבן און געלאָזן דעם קינד אַליין. אויפֿן דריטן טאָג זײַנען אין טשאַשניקי געקומען ייִדן, רבנים מיט פּאות, אַלטע לײַט, ווײַבער, פֿרומע, אָנגעפּאָרן ייִדן אַ מאַסע ... זי איז שוין מקבר געווען

– פֿאַר דער רעוואָלוציע די פּאַזשאַרנאַיאַ קאָמאַנדע האָט ניט געקענט זײַן געפֿירט פֿון אַ ייִד?
– פֿאַר דער רעוואָלוציע בין איך נאָך ניט געווען, איך בין געווען אַ קליינע ייִנגעלע. כ׳האָב נאָך גאָרנישט ניט פֿאַרשטאַנען...

## פֿאַר דער רעוואָלוציע האָט מען געלעבט גוט.

איז אַזוי הייסט דאָס, זײַנען זיי געווען אין שול, האָבן זיי געמאַכט אַ הספד און האָבן געשריִען און אַלע האָבן זיך דערוווּסט אַז זי האָט געהאַט אַ קינד פֿון אַ קריסט און בײַ זיי איז געווען אַ ליבע און דער טאַטע האָט זי פֿאַרטריבן ... געמאַכט דער טאַטע אַ הספד אין בית־מדרש און אַלע האָבן געוויינט ... און דעם קינד האָבן געוואָלט די טשאַשניקער זאָל זי בלײַבן, מיר ווילן זי ... אָבער זיי האָבן צוגענומען דעם קינד ...

– און הירשע, אַ בעקערײַ איז געווען אין טשאַשניקי?

– געווען ... בײַ מיר האָבן באַשריבן, בײַ מיר איז פֿאַראַן נחום דער חכם, ער פֿלעגט טראָגן, אַ וואַסער־טרעגער, נאָר וואָדען איז ער געווען אַזוי ... ערבֿ־שבת פֿלעגט ער אַרײַנגיין אין בעקערײַ און מע פֿלעגט אים דערלאַנגען אַ פֿרישע בולקע ... מיט הייסער טיי און ער פֿלעגט טרינקען און פֿלעגט פֿאַרברענגען ... ער איז געווען זייער אַ פֿרומער. הערט זיך אײַן, בײַ דער סאָוויעטסקאַיאַ וולאַסט ער פֿלעגט שבת ניט גיין ... אַרבעטן ... ער איז געווען אַ וואַסער־טרעגער, איז האָט מען אים ... בטל געוואָרן ... די וולאַסט ... „טשאַשניק“ (פּריוואַט), דאָס איז „טשאַסני טאָרגאָווו“ (פּריוואַטע געשעפֿטן) ... האָט מען פֿאַרבאָטן. ס׳איז געווען קלמן, ... אַ פֿײַנער מענטש, אַ יונגער לײַט, ער איז געווען דער נאַטשאַלניק פֿון פּאָזשאַרנע. זאָגט ער: „איכ׳ל אײַך נעמען צו זיך“ ...

נו, דערנאָך איז געווען אַזוי, נחום דער חכם, שבת אַן ערך אין דער פֿרי, זאָגט ער די ייִדן: „איך אַרבעט דאָך ניט“. פֿלעגן זיי זיך קלײַבן אין צענטער און אויף בענק פֿלעגן זיי זיצן און קלמן פֿלעגט אויך קומען אַהער. קלמן דער נאַטשאַלניק פֿון פּאָזשאַרנע דרוזשינע (פֿײַער־לעשער־בריגאַדע). איז איין מאָל, הייסט דאָס, קלינגט די צײַט, קלינגט די גלאָק שבת... ער זיצט אויף אַ באַנק, די גלאָק קלינגט. ס׳הייבט זיך אויף קלמן, נחום דאָס האָט געקלונגען דרײַצן מאָל“ (ס׳איז צוועלף). זאָגט ער: „ס׳קען ניט זײַן“. „ווי עס קען ניט זײַן, האָבן אַלעמען געהערט“... זאָגט ער ... און גייט צו און גיט אַ קלונג ... צוריקגעקלונגען ... אַ קלוגער מענטש.

נאָר וואָדען, מע האָט געלעבט גוט. פֿלעגט מען שבת אויף דער נאַכט... פּריגלאַשען (פֿאַרבעטן) אויף ייִדישע פֿיש, און מע פֿלעגט זיי ... הייסע און מע פֿלעגט אויסטרינקען און פֿלעגט עסן די פֿיש מיט אַזאַ מין טעם... „נאַ ריבו“, מע טראָגט עס אין פֿאַרשיידענע הײַזער און מע פֿלעגט אָפּרעדן „סיוואָדניאַ פּריגלאַשאַיעם נאַ ריבו“ (הײַנט קומט עסן פֿיש). מע האָט געוווינט דרוזשנע (פֿרײַנדלעך).

– מע האָט געלעבט בעסער פֿאַר דער רעוואָלוציע?
– אַ סך בעסער. דער פּריסטאַוו פֿלעגט קומען צו גיין אויך... אויף פֿיש, פֿלעגט מען אים פּריגלאַשען.
– אפֿשר קענט איר אויפֿזינגען אַ ליד אויף ייִדיש?
– אונטערן באַרג, איבערן באַרג

פֿליִען טויבן פּאָרן, פֿליִען טויבן פּאָרן
כ׳האָב קיין נחת ניט געזען, אַוועק די יונגע יאָרן
כ׳האָב קיין נחת ניט געזען, אַוועק די יונגע יאָרן.
שפּאַן זשע אײַנע, שפּאַן זשע אײַנע,
פֿערדעלעך די פֿלינקע, פֿערדעלעך די פֿלינקע.
מיר׳ן פֿאָרן און דעריאָגן יאָרעלעך די יונגע,
מיר׳ן פֿאָרן און דעריאָגן יאָרעלעך די יונגע.
מיר האָבן דעריאָגט אונדזערע יאָרן אויפֿן ברייטן בריק,
אויפֿן ברייטן בריק,
יאָרן יאָרן, יונגע יאָרן, קומט אין געסט צוריק
יאָרן יאָרן, יונגע יאָרן, קומט אין געסט צוריק
ניין, ניין, ניין, מיר׳ן ניט גיין, ענטפֿערן די יאָרן, ענטפֿערן די יאָרן,
האָט איר פֿריִער דורכגעלאָזן
איצטער איז פֿאַרלאָרן...
האָט איר פֿריִער דורכגעלאָזן
איצטער איז פֿאַרלאָרן...

---

**עליסאַ בן־פּורת** לערנט אין קווינס־קאַלעדזש (ניו־יאָרקער שטאַטישער אוניווערסיטעט), ווו זי פֿאַרנעמט די קאַטעדרע אין מיזרח־אײראָפּעיִשער ייִדישער געשיכטע א״נ דזשערי און וויליאַם אונגאַר. איר בוך, *Becoming Soviet Jews: The Bolshevik Experiment in Minsk* (פֿאַרלאַג אינדיאַנע־אוניווערסיטעט, אַפּריל 2013), האָט געוווּנען די פֿרענקעל־פּרעמיע אין הײַנטצײַטיקער געשיכטע.